די בלאנדע מייזי

(נאך א פרעמדען מאטיוו)

פון מ. מלמד.

אין יענעם גרויסען קליידער - געשעפט האבען געארבייט ארום דרייסיג מיידלאך: די בלאנדע מייזי איז געווען איינע פון זיי.

דעם גאנצען טאג זיינען די מיידלאך געווען פארנומען מיט באהאנדלען די קונים, מיטהרסטענס פרויען, וואס זיינען געקומען מעסטען און קויפען קליידער. אפטמאל זיינען די פרויען געקומען אין דער באגלייטונג פון יונגע, רייכע הערען. און דעמאלט איז עס געווען פרעהליך צווישען די דרייסיג מיידלאך אין דעם קליידער - געשעפט. די רייכע יונגעלייט האבען אפט פארפיהרט שפאסענדיגע שמועסען מיט זיי, און מיט די שעהנערע פון זיי האבען זיי אפילו, אויף א גנבה'שען אופן, פארשטעהט זיך, אונטערגעפלירט אביסעל. איינע פון זיי האבען געהאט די זכיה איינגעלאדען צו ווערען אויף אן אויטאמאביל - שפאציר, וואס האט זיך געענדיגט מיט א מאלצייט אין א רייכען רעסטאראן און איז געווען אויסגעמישט מיט רוישענדע ווינען און ליעבליכע קאמפלימענטען.

די בלאנדע מייזי איז געווען איינע פון זיי.

ווען קיין קונים זיינען ניט געווען, פלעגט זי זיך אפט פארטראכטען און פארקוקען ערגעץ אין דער וועלט אריין מיט איהרע גרויסע בלוי - פאר'חלומ'טע אויגען און טראכטען מאדנע חלומות. דערביי פלעגט זי קייען "טשואינג - גאם" און באווייזען איהרע ווייסע ציינער, וואס האבען זיך ארויסגעפעבעלט פון צווישען צוויי דינע, רויטע ליפעלעך. אזוי גיך, אבער, ווי זי האט דערפיהלט, אז דער בעל - הבית האט זיך באוויזען אין אנדערען עק פון'ם געשעפט, האט זי זיך באלד אפגעריסען פון איהרע מאדנע געדאנקען, וואס זיינען געבליבען הייגען אין דער לופטען אזוי ווי לייכטע וואלקענדלאך אונטער'ן בלויען הימעל און איהרע רויטע ליפלאך האבען אנגעהויבען צו שמייכלען מיט יענעם שמייכעל, וועלכער איז באשאפען נאר פאר א בעל - הבית, אדער פאר א קונה, וואס קומט עפעס קויפען.

מייזי איז אלט געווען אכצעהן יאהר. זי איז געווען יונג און א חוץ די שעהנקייט, מיט וועלכער די נאטור האט זי באשענקט, האט זי קיין זאך ניט פארמאגט.

פון די לאנגע שטונדען, וואס זי האט פארבראכט אין דעם דאזיגען קליידער - געשעפט, און פון די שמועסען, וואס זי האט אפט אונטערגעהערט פון די אנדערע, עלטערע מיידלאך אין געשעפט, האט זיך ביי איהר אויסגעארבייט א מאדנער באגריף וועגען מענער אין אלגעמיין, און איבערהויפט וועגען די רייכע יונגעלייט, וואס זיינען אפט געקומען אין געשעפט, באגלייטענדיג זייערע דאמען. זי פלעגט אפטמאל פיהלען אויף זיך דעם הייסען בליק פון אזא מין יונגערמאן, וועלכער האט געזוכט צו פארפיהרען מיט איהר א געהעכטערע באקאנטשאפט, אבער מייזי איז געווען פארזיכטיג.

איינמאל איז אהין געקומען א רייכע עלטערע דאמע, און מיט איהר איז געקומען א יונגערמאן, א שעהנער, — דער דאמע'ס זוהן. אורוווינג האט געהייסען דער יונגערמאן, אזוי האט איהם די עלטערע דאמע, זיין מוטער, גערופען. און מייזי'ן איז דער נאמען (דער יונגערמאן, אויך) שטארק געפעהלען.

די דאמע האט זיך געלאזט אנמעסטען פארשיעדענע מאנטלען פאר דעם אנקומענדען אפערא סעזאן, און דער יונגער אורוווינג האט זיך דערווייל ארומגעקוקט איבער דעם רייך - פארפוצטען מערקט די בלאנדע מייזי. קליידער - געשעפט, ביז ער האט בא-

זיין בליק האט זיך פארטשעפעט אן איהר בלאנדען קאפ האר און האט זיך פון דארט ניט געקענט אפרייסען.

ער האט זי געטראפען אין איינעם פון יענע מאמענטען, ווען מייזי, ניט האבענדיג קיין קונה פאר זיך, האט זיך פארקוקט ערגעץ אויף א ליכטיגען זון - פלעק אויף דער סטעליע, אויסגעגלאצט אהין איהרע גרויסע בלויע אויגען און דערביי ניט אויפגעהערט צו קייען איהר "גאם".

אורוווינג האט, קוקענדיג אויף איהר ליכטיג פנים, בישלאכוויז זיך אנגעהויבען צו דערנעהענטערען צו איהר, און דערביי האט ער געטראכט: וואס, למשל, וואלט ער געקענט ביי איהר קויפען, כדי צו פארקניפען מיט איהר א שמועס?

ער האט געקוקט אויף איהר און לאנג געטראכט.

מייזי וואלט זיכער ניט געגלויבט, ווען עמיצער וואלט איהר דערצעהלט, אז דער דאזיגער יונגערמאן, רייך ווי ער איז, געבילדעט און אינטעליגענט, איז דערצו א גאנץ באשיידענער איז זיין באציהונג צו פרויען. און אז קוקענדיג אויף מייזי'ן האט זיך אין זיין ברוסט ערוועקט אזא מאדנער געפיהל, וועלכעס איז איהם ביז איצט נאך אינגאנצען פרעמד געווען. אורוווינג האט געפיהלט אזוי ווי א הייסער שטראם וואלט איהם דורכגעגאנגען איבער אלע גלידער. ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי דעם דאזיגען געפיהל אנצוהייבען. ער האט אבער געפיהלט, אז עס ציהט איהם צו דער יונגער, שעהנער מיידעל.

און אט איז ער געשטאנען נעבען איהר.

מייזי האט זיך א כאפ - געטאן אזוי ווי פון שלאף. זי האט גיך אפגעריסען פון דעם ליכטיגען זון - פלעק אויף דער סטעליע און האלב פארוואונדערט, האלב דערשראקען האט זי געקוקט אויף דעם יונגענמאן.

— מיט וואס קען איך אייך דינען?

— האט זי ארויסגעשטאמעלט.

אורוווינג האט אויך עפעס געשטאמעלט. אבער ער האט גאר גערעדט וועגען דעם, וואס דער הייניגער אקטאבער חודש איז זעהר א שעהנער און א טרוקענער.

מייזי איז באלד געקומען צו זיך.

זי האט געקוקט מיט אינטערעס אויף דעם רייכען יונגערמאן, באמערקט די שמעקעדיגע רויטקייט, וואס האט געשפיעלט אין זיינע באקען, כאטש עס איז געווען קלאר, אז ער איז מיט היבשע עטליכע יאהר עלטער פון איהר. אין הארצען האט זי געלאכט פון איהם.

אורוווינג האט אינגאנצען פארגעסען אן זיין מוטער, וועלכע האט אין דעם צווייטען עק פון דעם קליידער - געשעפט אויסגעמאסטען מאנטלען פאר דעם אנקומענדען אפערא סעזאן, און שטיל ארייגמורמלענדיג מייזי'ן, האט ער געזאגט, אביסעל שטאמלענדיג:

— איך בעט אייך, ענטשולדיגט מיר . . אויב איך קום אייך פאר אביסעל צודרינגליך ביי דער ערשטער באקאנטשאפט . . . איך מיין באמת. אז מיך וועט זעהר פרעהען, ווען איהר וועט מיר ערלויבען אייך ווידער צו זעהן . . .

ער האט איהר דערלאנגט א שעהן-ציערליך קארטעל און ווייטער געזאגט:

— דאס איז מיין נאמען. איך פארזיכער אייך, אז איך וועל דאס באטראכטען פאר א גרויסען גנאד פון אייער זייט, ווען איהר וועט מיך רעכענען צווישען אייערע פר . . . ניין, איך מיין צווישען אייערע באקאנטע . . קען איך האפען?

מייזי האט געשמייכעלט — האלב אין זיך, פון דאס ביסעלע, וואס זי האט געקענט מענער, איבערהויפט פון די יונגעלייט, וואס זיינען געקומען אין דעם קליידער - געשעפט, באגלייטענדיג זייערע דאמען, און פון דער ערפאהרונג, וואס זי האט געשעפט פון די אנדערע, עלטערע מיידלאך אין דעם געשעפט, האט זי געוואוסט, אז שעהנע רייד פון שעהנע, רייכע יונגעלייט זיינען אזוי ווי שטרוי אויף'ן ווינד און ווי זייפען - בלאזען, וואס פליצען קעגען דער זון מיט אלערליי פארפיהרערישע קאלירען . . . זי האט געלאכט אביסעל און דאן האט זי מיט א שמייכעל געענטפערט:

— איך מיין . . . פארוואס ניט. איך געה אפילו ניט אויס זעהר אפט מיט פרעמדע יונגעלייט . . . איך בין נאך האט זי צוגעלעגט מיט א שמייכעל

— ניט קיין פולשטענדיגע ליידי, אבער ווען ווילט איהר מיך דען זעהן ווייעדער?

— אזוי גיך ווי מעגליך . . . — האט אורוווינג געענטפערט מיט א פארכאפטען אטעם און מיט א קלאפענדיג הארץ — ווען איהר וואלט מיר געוואלט ערלויבען צו באזוכען אייך ביי אייך אין דער היים . . .

מייזי האט זיך שטיפעריש צולאכט.

— גאט איז מיט אייך! — האט זי אויסגערופען — איהר ווייסט וואס איהר רעדט? ווען איך זאלט זעהן ווי מיר וואוינען! פינף פערזאן אין דריי קליינינקע צימערלאך! . . . שעהן וואלט עס אויסגעקוקט צו ברענגען אהין אזא דזשענטעלמאן!

— נו, זאל זיין ערגעץ - וואו — האט אורוווינג געזאגט — באשטימט איהר אליין דעם פלאץ

מייזי האט א טראכט געטאן און באלד האט איהר פנים אויפגעשיינט פון א גרויסען געדאנק:

— סעי — האט זי אויסגערופען, ווערענדיג היימישער מיט איהם — ווי וואלט געווען דאנערשטאג פארנאכט אויף'ן עק גאס, וואו איך וואוין? אבער ניט פארגעסען, איך מוז זיין צוריק אין דער היים ניט שפעטער פון עלף, סאמע וועט זיך בייזערן . .

די עלטערע דאמע, געפינענדיג זיך אין צווייטען עק פון דעם קליידער - געשעפט, האט דערווייל אנגעהויבען צו רופען אויף'ן הויכען קול:

— אורוווינג, אורוווינג!

אורוווינג האט זיך שנעל געזעגענט מיט מייזי'ן, צוגעזאגט איהר צו זיין אין צייט אויף דעם באשטימטען פלאץ און האט אוועקגעאיילט צו זיין מוטער.

מייזי איז א ווייל געבליבען שטעהען מיט אורוווינג'ס קארטעל אין די הענט און האט זיך ווידער ערגעץ פארקוקט מיט איהר בלוי - פאר'חלומ'טען בליק. א צווייטע מיידעל איז דערווייל פארבייגעגאנגען נאהענט צו איהר און איהר אזוי ווי ארייגעשושקעט אין אויער:

— געמאכט באקאנטשאפט, מייזי?

מייזי האט זיך א כאפ געטאן, אנגענומען זיך מיט א וואזשנער מינע און ניט אהן שטאלץ געזאגט:

— דער יונגערמאן האט געבעטען די ערלויבניש מיך צו באזוכען . . און זי האט דערווייל שנעל באהאלטען אורוווינג'ס קארטעל אין איהר בוזים.

די מיידעל האט געשמייכעלט.

— און וואס האט ער עפעס געזאגט מכח א מאלצייט אין א רייכען רעסטאראן און וועגען א שפאציר אין אן אויטאמאביל . . .

— ווייס איך וואס דיר פאלט איין!

— האט מייזי געענטפערט מיט אן ערנסטער מינע — באלד עפעס פארטרייגט דיר דער קאפ דער גוטער יאהר ווייסט וואו . . . ווייס איך, ער האט גאר ניט דערמאנט פון די אלע זאכען.

פונדעסטוועגען האט זי אפגעמאכט ביי זיך צו האלטען דעם ראנדעוואו און זי האט מיט גרויס אונגעדולד געווארט אויף דעם באשטימטען דאנערשטאג אווענט.

די פריינדשאפט צווישען מייזי און אורוווינג איז געוואקסען שנעלער ווי אורוווינג אליין האט זיך געקענט ווינ- [illegible] טען פון זיין לעבען. און די גאנצע וואך האט ער ארויסגעקוקט נאר אויף דעם איינעם אווענט.

ער פלעגט זי נעהמען אויף א קורצען שפאציר, דוקא ניט אין אן אויטאמאביל, ווי זי האט ערווארטעט, נאר גראד צופוס. אויף א ברייטער עוועניו און פארביי די העל - באלויכטענע געשעפטען און רעסטאראנען, און אלע מאל האט ער זיך באציגען צו איר מיט דעם גרעסטען רעספעקט און מיט א ווארימען געפיהל, וואס האט אלץ מעהר געוואקסען אין זיין הארץ. ער האט זי ליעב געהאט מיט אן אמת. און כאטש ער איז געווען רייך, אפילו זעהר רייך, און האט זיך געקענט פארגינען אויסצוגעבען אויף איהר א סך געלד, האט ער דאס פונדעסטוועגען ניט געטאן. מחמת ער האט ניט געוואלט, אז זי זאל באקומען וועגען איהם א געדאנק, אז ער וויל זי באריישען און פארפיהרען מיט דעם קלאנג פון זיין געלד.

און עס האט איהם געוואונדערט, פארוואס מייזי דערלאזט ניט, אז ער זאל אמאל ארויפקומען צו איהר אהיים, וואו זי וואוינט, און האט דוקא פארלאנגט צו באגעגענען איהם אויף'ן עק גאס, ניט ווייט פון איהר וואוינונג. אורוווינג האט ניט געוואוסט ווי אזוי עס לעבען די ארימע מיידלאך, וואס ארבייטען אין שאפ, אדער אין געשעפט. ער האט ניט געהאט דעם באגריף, אז די ארימע מיידעל האט בלויז א ווינקעלע, וואו דעם קאפ אנצושפארען, אבער ניט קיין פלאץ, וואו אויפצונעהמען געסט. ער האט ניט געוואוסט, אז דער ארימער מיידעל'ס זאל, וואו זי נעהמט אויף איהרע באקאנטע, איז דער עק [illegible] ליכען שפאציער, און, נאך מעהר, אז זי פיהלט זיך דארט פונקט אזוי גוט, ווי די רייכסטע דאמען פיהלען זיך אין זייערע שעהנע, רייך - מעבלירטע צימערען און אין זייערע אייגענע, מיט בלומען - באצירטע שפאציר - גערטנער.

און איינמאל, אין אזא דאנערשטאג אווענט, שפאצירענדיג מיט מייזי'ן ארעם אין ארעם, האט אורוווינג זיך אוועקגענומען, אין דעם זייטיגען, טונקעל - באלייכטענעם פארק, געזעצט זיך דארט מיט איהר אונטער א בוים אויף א באנק, און צום ערשטען מאל זייט זייער באקאנטשאפט, האט ער געוואגט ארומצולעגען זיין האנט ארום איהר דינער טאליע. אבער ער האט עס געטאן אזוי לייכט און אזוי דזשענטעלמעניש, אז מייזי האט עס קוים געשפירט — זי האט א לאך געטאן.

— סעי. — האט זי א זאג געטאן און אביסעל א פרעכען טאן — פארוואס האסטו ביז איצט ניט א טראכט געטאן וועגען דעם? . .

אבער אורוווינג האט זיך ניט צוגעהערט צו איהרע שטעכווערטלאך ער איז געווען ערנסט, און ער האט צו איהר אזוי געזאגט:

— הער מייזי, דו ווייסט, אז איך האב דיך ליעב. אבער טאקע אמת ליעב. און איך בעט דיך פשוט און אמת'דיג אז דו זאלסט מיט מיר חתונה האבען. ניין, שלאג מיר ניט איבער. איך מיין אז דו קענסט מיך שוין גענוג מיר צו געטרויען. איך האב דיך ליעב, איך וויל מיט דיר חתונה האבען. מיך ארט ניט דער אונטערשיעד, וואס איז פאראן צווישען אונז? . . .

— דער אונטערשיעד — וואס פאר אן [illegible] דים ווייסטו, אז איך בין אומשטאנד דיר צו פארשאפען אלע פארגעניגענס פון לעבען. איך בין רייך גענוג.

— עט — האט מייזי א מאך געטאן מיט דער האנט — אלע יונגעלייט זאגען אזוי . . . אין דער אמת'ען ארבייטסטו, מסתמא, ערגעץ אין א דעליקאטעסען געשעפט. מיין ניט, אז איך בין אזוי גרין, ווי איך קוק אויס.

— איך קען דיר צושטעלען די בעסטע באווייזען — האט אורוווינג געענטפערט ערנסט — איך האב דיך ליעב מייזי: איך האב דיך ליעב געקראגען פון דעם ערשטען טאג, וואס איך האב דיך דערזעהן.

מייזי האט ווידער געלאכט:

— אלע זאגען זיי אזוי . . . .

און ס'איז געווען קלאר, אז זי גלויבט איהם ניט אבער אין דער זעלבער צייט איז איהר געווען אנגענעהם צו הערען זיין ליעבליכע שטימע און אין הארצען האט איהר הנאה געטאן. וואס דער יונגערמאן וויל זיך איינקויפען איהר ליעבע דורך באריהמעריי, און וואס זי איז ניט קיין נאר און לאזט זיך דוקא ניט פארפיהרען.

— רעד ניט אזוי. מייזי! — האט ער זיך ביי איהר געבעטען — הער זיך צו צו מיר. טייערע, גלויב מיר, אז גלייך ווי איך האב דעם ער'שטען מאל א קוק געטאן אין דיינע אויגען, האב איך דערשפירט, אז דו ביזט די איינציגע פרוי, וואס עקזיסטירט פאר מיר אויף דער וועלט.

מייזי האט ווידער געלאכט און באמערקט אין א לייכט - שפאסיגען טאן:

צו וויפיעל אנדערע מיידלאך האסטו שוין געזאגט דאס זעלבע?

— האב חתונה מיט מיר, מייזי! האט ער שטיל געוועדט צו איהר מיר וועלען פארגעסען ארבייט און שעפטען. אונזער לעבען וועט זיין לאנגער יום - טוב. א, איך וואו איך וועל דיר נעהמען — אין נע פלעצער. איך בין דארט פיעל געווען. שטעל דיר פאר א פלאץ, עס איז אייביגער זומער, וואו די בכוואליעס פון ים ווערען ניט מיער צערטלען דעם זאמדיגען ברעג; און אויף'ן ברעג שפאצירען כסדר פרעהליכע. זארלאזע מענשען. אהין לען מיר פאהרען, מייזי, און מיר לען דארט פארבלייבען אזוי לאנג, דו אליין וועסט נאר וועלען . . . וויסטו — האט ער זיך צוהיצט פון נע אייגענע רייד — אין יענע געפינען זיך גרויסע, שעהנע שעהנע בילדער, שעהנע סטאטוען, אנדערע קונסט ווערק . . . און סען פון יענע שטעט זיינען פול מיט סער און פון איין הויז צו דער

— — — — — — — — —

— שיפט מען זיך אין שיפלאך? האט איהם מייזי פלוצלונג שלאגען — —

— יא. — האט אורוווינג פערט מיט א שמייכעל.

— איך האב עס באלד

— האט מייזי באמערקט און אין געבליבען.

— און דערנאך — האט ווייטער פארטגעזעצט — וועלען כען א שפאציער איבער דער וועלט מיר וועלען פאהרען אין יערער וואו דו וועסט נאר פארלאנגען. וועלען באזוכען אייראפא





אויף דיזע וויקטראלאס צאהלט איהר ניט קיין פראצענט

שליסט אייך אן איצט אן דעם קריסטמעס קלוב

דער קריסטמעס קלוב גיט אייך אן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט צו באקומען א וויקטראלא צו אייך אין הויז.

בלויז פאר דער קליינער איינצאהלונג פון $1.00 קאנט איהר אריינשטעלען איינע פון דיזע אמת'ע וויקטאר וויקטראלאס אין אייער היים. צו יעדען אינסטרומענט ווערט צוגעגעבען צוועלף מוזיק סעלעקציעס. פאר דיזע סעלעקציעס ווערט געצאהלט אויף'ן זעלבען אופן ווי פאר'ן אינסטרומענט. עס ווערען אנגענאמען 150 מיטגליעדערשאפטען, אזוי שנעל ווי די סומע איז פארפולט ווערט דער קלוב געשלאסען.

קומט מארגען און קלייבט אויס אייער אינסטרומענט. דאס וועט צוגעשטעלט ווערען נאך פאר קריסטמעס.

קלוב פריווילעגיעס

אן אומבאגרענעצטע אויסוואהל פון וויקטראלאס אין וויליאמס' שאו רומס.

קעש פרייזען — יעדער מיטגליעד באקומט א וויקטראלא צו קעש פרייזען מיט אויסצאהלען פריווילעגיעס.

קליינע איינצאהלונגען — קלוב מיטגליעדער דארפען ניט מאכען די געוועהנליכע איינצאהלונגען פון $5 ביז $15, בלויז די קליינע וועכענטליכע צאהלונגען.

לייכטע באדינגונגען — קלוב מיטגליעדער צאהלען ספעציעלע וועכענטליכע אדער מאנאטליכע צאהלונגען, לויט דער געקויפטער וויקטראלא, ווע-ניגער פון די רעגולערע צאהלונגען.

קיין פראצענט — קלוב מיטגליעדער צאהלען ניט קיין געוועהנליכען פראצענט. איהר באקומט דעם ביליגסטען פרייז אהן פראצענט.

הילף'ס פארזיכערונג — אין פאל א קלוב מיטגליד ווערט קראנק צאהלט ער בלויז העלפט פאר אזוי פיעל חדשים וואס ער האט שוין געצאהלט פולע סומען.

צעהן טאג פראבע — צו יעדער צייט, אין משך לויף פון צעהן טאג אויב אומצופרידען, קאנט יאהר אומקעהרען די וויקטראלא, און צוריקקריגען יעדען סענט, א חוץ די הוצאות פאר'ן דעליווערען אדער רעפעראטור.

גאראנטיע — יעדער אינסטרומענט איז גאראנטירט צו זיין אין בעסטען צושטאנד.

בייטען פריווילעגיעס — דריי חדשים האט א קלוב מיטגליד די פריווילעגיע איבערצובייטען דעם אינסטרומענט.

זעקס רעקארדס אויף א מאל — רעקארדס ווערען געקויפט פאר מזומן, קלוב מיטגליעדער באקומען זעקס רעקארדס אויף די זעלבע אויסצאהלונגען ווי פאר'ן אינסטרומענט.

פרייע דעליווערי — אין שטאדט ווערען וויקטראלאס דעליווערט אומזיסט צו קלוב מיטגליעדער.

יעדער פאראנטווארטליכער מענש קאן זיך אנשליסען פאר א מיטגליעד, דאס איינטריט געלט איז $1.00, אבער דער דאלאר ווערט צוריקגעגעבען אין פאל איהר קויפט גאר ניט אדער איהר ווערט צוריקגעוויזען אלס מיטגליעד, אדער ווערט צוגערעכענט צו דער סומע אויב איהר קויפט יא.

די איינציגע קאנדיציעס צו ווערען א מיטגליעד איז צו וועלען קויפען א וויקטראלא. אנשליסענדיג זיך אן דעם קלוב טראגט איהר ניט קיין איינציגע פאראנטווארטליכקייטען, איהר מוזט ניט קויפען, אויב אבער איהר ווילט קויפען וועט איהר באקומען קלוב פריווילעגיעס. אויב איהר קלייבט אויס אייער פאנאגראף פאר דעם 27-טען נאוועמבער.

אבער, געדענקט, טראצדעם וואס איהר האט צייט ביז צום 27-טען וועט אבער דער קלוב געשלאסען ווערען באלד ווי עס וועט זיין די צאהל פון 150 מיטגליעדער. „שליסט אייך אן איצט" דאס איז דער זיכערסטער וועג.

ווי אזוי אנצושליסען זיך

שניידט בלויז אויס דיזען צוגעגעבענעם קופאן, שיקט דאס אוועק „צום קריסטמעס קלוב" אדער טעלעפאנירט אדער קומט אריין צו דער ר. ס. וויליאמס און סאנס קאמפ. לימיטעד, 145 יאנג סטריט, טאראנטא. איהר וועט באקומען א מיטגליעדערשאפט קארד מיט אן אילוסטרירטען צירקולאר, איהר שרייבט אונטער דעם בלענק און גיט דאפאזיט מיט $1.00 און איהר ווערט בארעכטיגט צו קלוב פריווילעגיעס, אויב איהר קלייבט אויס אייער אינסטרומענט פאר'ן 27-טען נאוועמבער.

„זשורנאל" לעזער'ס קופאן

שיקט צום קריסטמעס קלוב פון דער ר. ס. וויליאמס און סאנס קא. לימיטעד,

זייט אזוי גוט, שיקט מיר אלע אינפארמאציעס וועגען קריסטמעס קלוב און מיטגליעדס בלאנק.

Name ....

Address ....

די וויקטראלאס און די צאהלונגען

$1.00 וועכענטליך

$1.00 וועכענטליך זענען די צאהלונגען פאר קלוב מיטגליעדער פאר דיזער וויקטראלא IV און צוועלף סעלעקציעס. גאר ניט קיין איינצאהלונג. דער פרייז פאר'ן גאנצען **$46.00**

$1.50 וועכענטליך

$1.50 וועכענטליך זענען די צאהלונגען פאר קלוב מיטגליעדער פאר דיזער וויקטראלא VI און צוועלף סעלעקציעס. קיין איינצאהלונג פרייז פאר קלוב מיטגליעדער אלעס צוזאמען **$66.00**

$2.00 וועכענטליך

$2.00 וועכענטליך זענען די צאהלונגען פאר דיזער וויקטראלא VII מיט צוועלף סעלעקציעס. קיין איינצאהלונג פרייז פאר אלעס צוזאמען, פאר קלוב מיטגליעדער **$96.00**

$2.25 וועכענטליך

$2.25 זענען די צאהלונגען פאר קלוב מיטגליעדער פאר דיזער וויקטראלא XI מיט צוועלף סעלעקציעס (ענגליש מאהאגאני, גאלדען אוק פיומד אוק אדער מישאן) דער פרייז פאר אלעס צוזאמען, פאר קלוב מיטגליעדער **$126.00**

$5.00 די ערשטע וואך און דערנאך $3.00 וועכענטליך

זענען די צאהלונגען פאר קלוב מיטגליעדער פאר דיזער וויקטראלא XI מיט צוועלף סעלעקציעס. מען קאן באקומען מאהאגאני, גאלדען אוק, פיומד אוק אדער מישאן. פרייז פאר אלעס צוזאמען, צו קלוב מיטגליעדער **$246.00**

א קליינע צאהל פון דיזען מאדעל

$2.75 וועכענטליך

$5.00 די ערשטע וואך, דערנאך $2.50 וועכענטליך, זענען די צאהלונגען פאר קלוב מיטגליעדער אויף דיזער וויקטראלא X מיט צוועלף סעלעקציעס. (קאן זיין אין מאהאגאני, גאלדען אוק, פיומד אוק אין מישאן אויך). דער פרייז פאר קלוב מיטגליעדער אלעס צוזאמען **$206.00**

THE R.S. WILLIAMS & SONS CO. LIMITED 145 יאנג סטריט

עטאבלירט אין 1849

בעסער ווי פעטס פאר טייג

MAZOLA

מאכט גוטע טייג פאר פאים

פארלאג „אידיש"

201 East Broadway New York

קענעדער אפטיילונג

834 Cadieux Street Montreal

אין פארלאג אידיש ווערט איצט ארויסגעגעבען דאס גרויסע ווערק

פון אייזיק הירש ווייס

די גרינדער און בויער פון אידענטום

(דור דור ודורשיו)

2 סעריעס 5 בענד. — יעדער באנד פון די צוויי סעריעס וועט ענטהאלטען פון 380 ביז איבער 400 זייטען. גרויסער פארמאט, פראכטפול געבונדען.

פרייז פאר ביידע סעריעס — — — — — — — — — — — $16.50
פאר סובסקרייבער — — — — — — — — — — — — — $11.00

אין דריי איינצאהלונגען

ביי יעדער איינצאהלונג באקומט דער סובסקרייבער א טייל פון די ביכער.

א קאטאלאג פון אלע אונזערע אויסגאבען און אויך פון די ביכער, וואס געפינען זיך ביי אונז אויף'ן פארקויף ווערט פ ר י י ארויסגעשיקט צו יעדען איינעם, וואס וועט פארלאנגען.

טאראנטאר סובסקרייבער אויף י. ל. פרץ'עס ווערק קענען באקומען די דריטע סעריע ביכער ביז דעם 25-טען נאוועמבער אין 187 בעווערלי גאס, געגענאיבער פרץ שולע יעדען אווענט פון 6 ביז 8.30 ביי אונזער פארטרעטער, הער ש. שניידער, וועלכער געפינט זיך איצט אין טאראנטא. טעלעפאן קאלעדזש 338.

Canadian Branch Farlag „YIDDISH"

834 Cadieux Street Montreal